## קאַפּיטל אַכט און צוואַנציק

1 און נאָך מוצאי שבּת, ווען עס האָט אָנגעהויבּן
טאָגן דעם ערשטן טאָג פון דער וואָך, איז
געקומען מרים פון מגדלה און די אַנדערע מרים
2 צו זען דאָס קבר. און זע, עס איז געוואָרן אַ
גרויסע ערד־ציטערניש; וואָרום אַ מלאך פון דעם
האַר (ג־ט) איז אַראָפּגעקומען פון הימל, און איז
צוגעגאַנגען און האָט אָוועקגעקייקלט דעם שטיין,
3 און זיך אַנידערגעזעצט אויף אים. און זיין געשטאַלט
איז געווען ווי דער בּליץ, און זיין קלייד ווייס ווי
4 שניי; און פון מורא פאַר אים האָבּן די היטער
5 געציטערט, און זענען געוואָרן ווי מתים. און דער
מלאך האָט ענטפערנדיק געזאָגט צו די פרויען:
האָט נישט קיין מורא! וואָרום איך ווייס, אַז איר
6 זוכט ישוען דעם געקרייציקטן. ער איז דאָ נישטאָ;
וואָרום ער איז אויפגעשטאַנען, לויט ווי ער האָט
געזאָגט. קומט אַהער, און זעט דאָס אָרט, וואו דער
7 האַר איז געלעגן. און גייט גיך, און זאָגט זיינע
תלמידים, אַז ער איז אויפגעשטאַנען פון די טויטע:
און זע, ער גייט פאָרויס פאַר אייך קיין גליל;
דאָרטן וועט איר אים זען. זע, איך האָבּ עס אייך
8 געזאָגט. און זיי זענען איילנדיק אַוועק פון קבר מיט
מורא און גרויסער שמחה, און זענען געלאָפן עס
9 אָנצוזאָגן צו זיינע תלמידים. און זע, ישוע איז זיי
אַנטקעגן געקומען, און געזאָגט: שלום! און זיי זענען
צוגעגאַנגען און האָבּן אים אָנגענומען בּיי די פיס,
10 און זיך געבּוקט צו אים. דאַן זאָגט ישוע צו זיי: האָט
נישט קיין מורא! גייט און זאָגט מיינע בּרידער, אַז זיי
זאָלן גיין קיין גליל, און דאָרטן וועלן זיי מיך זען.